בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
מ"ג

פרשת וארא
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ג, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**• דוּ גֵייסְט זִיךְ סֵיי וִוי מוּטְשֶׁען!**

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### צְוִוישְׁן דִי שׁוּרוֹת קֶען מֶען אַרַיין לֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶענוּמֶען דָא קַיין לֶערֶערִינְס וָואס זָאלְן זִיךְ דֶער עִיקָר פַארְלֵייגְן צוּ 'לֶערְנֶען' מִיט דִי קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין פָּאבְּלִיק סְקוּל, אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶענוּמֶען לֶערֶערִינְס זֵיי זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אוּן דָאס אִיז טַאקֶע דֶער סִיבָּה פַארְוָואס מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיס דֶעם טָאג מִיט לִימוּדִים, וַוייל מֶען קֶען זִיךְ דָאךְ נִישְׁט אַוֶועק זֶעצְן נֶעבְּן אַ מֶענְטְשׁ אוּן זָאגְן אַ גַאנְצְן טָאג, פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז פִיר אַזֵייגֶער דִי וֶוערְטֶער: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ"**, עֶס מוּז זַיין מִיט אַ כֵּלִי, אִין אַ סֵדֶר הַיּוֹם.

אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דָארְשְׁטִיג, עֶר הָאט שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען וַואסֶער, אוֹיבּ וֶועט עֶר אַרַיין שְׁפְּרִינְגֶען אִין אַ יַם - וֶועט עֶר זִיךְ דֶערטְרֶענְקְן, עֶר דַארְף נֶעמֶען אַ כֵּלִי, עֶס אָנְפִילְן מִיט וַואסֶער, מַאכְן אַ בְּרָכָה אוּן טְרִינְקֶען, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַ גַאנְצְן טָאג פַאר אַ קִינְד: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא"**, מֶען מוּז אָנְפִילְן דֶעם טָאג.

מֶען עֶסְט, מֶען בֶּענְטְשְׁט, מֶען קָאלֶערְט, מֶען שְׁפִּילְט, מֶען רוֹימְט אוֹיף, מֶען לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס נֵייעֶן, מֶען בַּאקְט, מֶען קָאכְט, מֶען לֶערְנְט דִי לִימוּדִים, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן נַ"ךְ, מֶען לֶערְנְט אוֹיס שְׁרַייבְּן אוּן רֶעכֶענֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - מֵיינְט עֶס אָבֶּער נִישְׁט אַז אוֹיבּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען דֶעם לִימוּד וֶועט עֶפֶּעס גֶעשֶׁעְן; קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט קַיין נַ"ךְ וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעְן!

דֶער צִיל אִיז אַז בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען אוּן בִּשְׁעַתְ'ן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי אַלֶע זַאכְן, לֵייגְט מֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְדֶערְמִיט, מֶען זָאגְט זֵיי אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז גוּט, מֶען לֵייגְט אַרַיין דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת אוּן זִיךְ שֶׁערְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דֶעם טָאג אִיז אָנְגֶעטוּן מִיט פִילֶע זַאכְן קֶען מֶען צְוִוישְׁן דִי שׁוּרוֹת אַרַיין לֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי קִינְדֶער.

### מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז תּוֹרָה!

דֶער מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין וָואס פַארְבְּרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער בִּשְׁעַת זֵיי עֶסְן מִיטָאג, קֶענֶען דֶעמָאלְט אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער זַאכְן וָואס קֵיינֶער הָאט זֵיי נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, מֶען קֶען זֵיי דֶעמָאלְט אוֹיסְלֶערְנֶען זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן מֶענְטְשְׁלִיךְ!

'מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט' אִיז תּוֹרָה, 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִיז תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי צוּ זִיצְן בַּיים עֶסְן, אַז מֶען לֵייגְט אַרָאפּ דִי פִיס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶסְן מִיט דִי הֶענְט אוּן פִיס עֶס זָאל פְלִיעֶן שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם מוֹיל בִּשְׁעַתְ'ן עֶסְן, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ וַוייל אַ קִינְד וָואס עֶסְט נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶועט שְׁפֶּעטֶער נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן.

אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶעבְּן מִיט מַיין וַוייבּ, וַוייל אִיךְ קוּם פוּן אַ הוֹיז וָואס מֶען עֶסְט מִיט עֶסְצֵייג, מֶען מַאכְט צוּ דִי מוֹיל וֶוען מֶען עֶסְט, אוּן וֶוען מַיין וַוייבּ עֶסְט - טוּט זִיךְ אַ הָארִיקֶעִין (אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט)... עֶס טוּט זִיךְ, עֶסְן פְלִיעֶן אַרוֹיס פוּנֶעם מוֹיל וְכוּ'"**, דֶערְפַאר, דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען בַּיים עֶסְן צוּ עֶסְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"מַאךְ צוּ דַיין מוֹיל וֶוען דוּ עֶסְט"**, **"עֶס אֵיידְל"**, **"גִיס נִישְׁט אוֹיס"**, **"פַאר דִי נֶעמְסְט עֶסְן טְרַאכְט פַארְדֶעם צִי דוּ דַארְפְסְט אַזוֹיפִיל, צִי דוּ גֵייסְט טַאקֶע אוֹיפְעֶסְן דִי גַאנְצֶע טֶעלֶער"**.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי זַאךְ פוּן עֶסְן, בִּין אִיךְ אַסַאךְ שְׁטְרֶענְגֶער אִין יְשִׁיבָה וִוי בַּיים לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, וַוייל דָאס אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ, דָאס הָאט מִיט דִי מִדּוֹת; מֶען דַארְף עֶסְן זוֹיבֶּער.

### אַ בָּאס מְלַמֵּד קֶען אוֹיפְטוּן אַסַאךְ מֶער!

אוֹיךְ אִיז נִישְׁט אֱמֶת דָאס וָואס דֶער בָּאס מְלַמֵּד אוּן בָּאס לֶערֶערִין טְרַאכְטְן **"אַז זֵיי טוּעֶן גָארְנִישְׁט אוֹיף"**; עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַ בָּאס מְלַמֵּד אוּן בָּאס לֶערֶערִין, קֶענֶען אוֹיפְטוּן אוֹיפְ'ן בָּאס אַסַאךְ מֶער וִוי דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין וָואס לֶערְנְט פָאר, וַוייל בִּשְׁעַת דוּ זִיצְט אוֹיפְ'ן בָּאס אוּן מֶען פָארְט, קֶענְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען זִיצְט, אוּן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן דוּ זָאגְסְט פַאר דִי קִינְדֶער **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיךְ דָא אוֹיפְ'ן בָּאס"**.

נָאכְדֶערְצוּ אוֹיבּ דוּ שְׁמוּעֶסְט אוּן שְׁמֵייכְלְסְט צוּ דִי קִינְדֶער, דוּ וַוייזְט זֵיי **"דָא זֶעט מֶען אַ בּוֹים"**, **"דָא זֶעט מֶען אַ הוֹיז"**, **"דָא זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע קַאר"**, אוּן דוּ לַאכְסְט מִיט פוּן זֵייעֶרֶע דְזְשָׁאוֹקְס, אוּן דוּ וֶוערְסְט נָאנְט צוּ זֵייעֶר הַארְץ, קֶענְסְטוּ נָאכְדֶעם זֵייעֶר גְרִינְג אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין זֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גוּטֶע מִדּוֹת.

### דוּ גֵייסְט זִיךְ סֵיי וִוי מוּטְשֶׁען דָאס יָאר!

אִיךְ וֶועל דָא דֶערְצֵיילְן נָאךְ אֵיין מַעֲשֶׂה. אַ פְרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶער הֵיילִיגֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, זִי הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ

## • דוּ גֵייסְט זִיךְ סֵיי וִוי מוּטְשֶׁען!

צוּ קִינְדֶער, זָאגְט אִיר דֶער סְטֵייפְּלֶער גָּאוֹן: רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אוֹיבְן אִין הִימְל פּוּנְקְטְלִיךְ פַּאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וִויפִיל עֶר זָאל זִיךְ דַארְפְן מוּטְשֶׁען דָאס יָאר, קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט פוּן דֶעם אַרוֹיס דְרֵייעֶן, דֶערְפַאר אַפִילוּ דִי פְרוֹי וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָדֶער דִי פְרוֹי וָואס הָאט נָאר אֵיין קִינְד, מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוֹיבּ נִישְׁט מִיט קִינְדֶער - מוּטְשֶׁעט זִי זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, זִי זִיצְט אוֹיךְ נִישְׁט אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיפְ'ן רִיקְלֵיינֶער נֶעבְן אַ פִישׁ טֶענְק, זִי זִיצְט אוֹיךְ נִישְׁט נֶעבְן אַ פְּלֶענְט אוּן פְלַאנְצְט גְרָאז אוּן בְּלוּמֶען אַ גַאנְץ יָאר... זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיךְ, זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין מֹחַ, אִיר מֹחַ לָאזְט אִיר נִישְׁט קַיין מְנוּחָה.

מֶען וֶוערְט נִישְׁט רוּאִיג אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער; מֶען קֶען זִיצְן אִין אַ לֵיידִיגֶע פַּאלַאץ, הָאבְן גֶעלְט פוּן דָא בִּיזְ'ן הִימְל, אוּן נִישְׁט הָאבְן קַיין מְנוּחָה, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט רוּאִיג; נָאכְדֶעם קֶען זַיין אַ פְרוֹי וָואס הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, זִי אִיז אוּמְבַּאפָארֶעט, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אִיר: **"אוֹיף וֶועמֶענְס אַחְרָיוּת הָאסְטוּ קִינְדֶער, דוּ קֶענְסְט דָאךְ נִישְׁט פִירְן דַיין וִוירְטְשַׁאפְט?..."** [ - אֵיי וואוּ שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַ חִילוּק צְוִוישְׁן אֵיינֶער וָואס אִיז בַּאפָארֶעט אוּן אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט בַּאפָארֶעט?!] - אוּן הָאבְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְן!

דָאס הָאט אִיר דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט הָאבְן קַיין קִינְדֶער - מוּזְטוּ נִישְׁט, אָבֶּער דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז דוּ גֵייסְט זִיךְ סֵיי וִוי מוּטְשֶׁען דָאס יָאר!"**

**"וָואס? דוּ ווִילְסְט מִיךְ סְטְרַאשֶׁען?"** - נֵיין; מֶען סְטְרַאשֶׁעט נִישְׁט, מֶען זָאגְט דִיר נָאר דֶעם אֱמֶת וָואס 'לֶעבְּן' אִיז, לֶעבְּן אִיז לַיידְן, מֶען קֶען עֶס אָבֶּער מַאכְן גֶעשְׁמַאק, אַז דִי מוּטְשֶׁע גֵייט אַוֶועק מִיט קִינְדֶער; מִיט קִינְדֶער אִיז דִי מוּטְשֶׁע זִיס, בַּאחֵנְ'ט אוּן גֶעשְׁמַאק.

דָאס אִיז חִיזוּק אוֹיךְ פַאר לֶערֶערִינְס וָואס זָאגְן: **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי תַּלְמִידוֹת, דִי קִינְדֶער לָאזְן מִיךְ נִישְׁט מְנוּחָה קַיין אֵיין מִינוּט"**, זָאל מֶען ווִיסְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער, אָבֶּער אִיר קוּמְט אָפּ אַייעֶר מוּטְשֶׁע דָא מִיט דִי קִינְדֶער וָואס אִיז גֶעשְׁמַאק, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן.

### אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אַ בָּחוּר

מַיין אַרְבֶּעט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט אַזַא גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, וַוייל אִיךְ בִּין דָאךְ נִישְׁט דֶעם זֶעלְבְן יָארְגַאנְג פוּן זֵיי, זֵיי זֶענֶען פֶערְצְן יָאר אוּן אִיךְ בִּין צְוֵויי אִין פֶערְצִיג יָאר, אַז אַ פֶערְצִיג יֶערִיגֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיצְן מִיט פֶערְצְן יֶערִיגֶע בָּחוּרִים קֶען עֶר גוּט נֶערְוֶועז וֶוערְן פוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי רֶעדְן, פוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי טְרַאכְטְן אוּן וִוי אַזוֹי זֵיי שְׁפְּרִינְגֶען. וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ אַיין נִישְׁט צוּ וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן זֵיי? - אַז אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַז אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען פֶערְצְן יָאר, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעטוּן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס בָּחוּרִים טוּעֶן.

אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה פוּן מַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ זִיצְן מִיט דִי בָּחוּרִים, אִיךְ זִיץ מִיט דִי בָּחוּרִים אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן זוּמֶער זִיץ אִיךְ מִיט זֵיי פוּן אַכְטֶע אִינְדֶערְפְרִי בִּיז פִיר אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, נָאכְדֶעם גֵיי אִיךְ אַבִּיסְל אַהֵיים אוּן בַּיינַאכְט גֶעבּ אִיךְ נָאךְ אַ שִׁיעוּר, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה מִיט מַיין אַרְבֶּעט. אִיךְ זָאג זֵיי נָאכְאַמָאל דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְן אַ לֶעבְן, אִיךְ זָאג זֵיי נָאכְאַמָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אִיךְ זָאג זֵיי נָאכְאַמָאל זֵיי זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ גֶעבּ זֵיי נָאכְאַמָאל גוּטֶע וֶוערְטֶער.

### אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער

יֶעדֶע מְחַנֶּכֶת, יֶעדֶע אֵיינֶע וָואס טוּט מִיט מֵיידְלֶעךְ, אֲפִילוּ דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אִין אָפִיס אוּן אִין קָאךְ, דַארְפְן ווִיסְן אַז זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז: **"אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער"**, אוּן אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ!"**

יֶעדֶע מְחַנֶּכֶת לֵייגְט עֶס אַרַיין אוֹיף זֵייעֶר וֶועג. דִי לֶערֶערִין טוּט דָאס בִּשְׁעַת זִי לֶערְנְט פָאר נַ"ךְ, פִּרְקֵי אָבוֹת, מִשְׁלֵי, סֵפֶר הַמִּידוֹת, עִבְרִי טַייטְשׁ אוּן בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען; שְׁטִילֶערְהֵייט דַארְפְן זֵיי ווִיסְן אַז דִי תַּלְמִידוֹת דַארְפְן גָארְנִישְׁט ווִיסְן אוּן גָארְנִישְׁט קֶענֶען, דֶער עִיקָר אִיז דִי אֱמוּנָה, דִי מִידוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי.

### אוֹיסְלֶערְנֶען נֵייעֶן אוּן קָאכְן

צְוֵויי זַאכְן אִיז יָא זֵייעֶר ווִיכְטִיג אוֹיסְצוּלֶערְנֶען; נֵייעֶן - כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען צוּנֵייעֶן אַ קְנֶעפְּל פַארְ'ן מַאן, אוּן קָאכְן - מֶען זָאל קֶענֶען מַאכְן אַ גוּטֶע זוּפּ פַארְ'ן מַאן אוּן פַאר דִי קִינְדֶער, אַלֶע אִיבְּרִיגֶע לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין שׁוּלֶע, מֶען לֶערְנְט דָאס אוּן יֶענְץ, מַאכְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבּ אַלֶע קִינְדֶער הַאלְטְן מִיט, אוּן אוֹיבּ אַלֶע קִינְדֶער כַאפְּן דָאס אוֹיף, ווִיכְטִיג אוֹיפְצוּכַאפְּן אִיז נָאר יֶעדֶע קִינְד זָאל ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיר לִיבּ, אוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, אוּן אַז זִי קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי קֶען בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִיר צוּ.

### רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען, מֶען זָאגְט זֵיי: **"מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ מַאמֶע"**, **"מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ מַאמֶע"**, **"מֶען דַארְף רוּפְן אַ מַאמֶע"**, **"מֶען דַארְף גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט אַ מַאמֶע"**, עֶס אִיז נִישְׁטָא גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם!

זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"דוּ קֶענְסְט זָאגְן תְּהִלִּים, דוּ קֶענְסְט גֵיין הֶערְן אַ שִׁיעוּר, דוּ קֶענְסְט קוּמֶען אִין וַוייבֶּער שׁוּל מִיט הַאלְטְן דִי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת - אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיין מַאמֶע; עֶנְדֶערְשׁ נֶעם אַרוֹיס דַיין מַאמֶע שְׁפַּאצִירְן, שְׁמוּעֶס מִיט דַיין מַאמֶע"**.

וָואס גֵייסְטוּ צוּ אַ בָּאטֶע?! וָואס גֵייסְטוּ צוּ סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת?! וָואס גֵייסְטוּ צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת?! וָואס גֵייסְטוּ צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה?! דוּ הָאסְט אַ מַאמֶע! - זִיץ אַבִּיסְל מִיט דַיין מַאמֶע, עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן הוֹיךְ, עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן הֵיילִיג אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ צוּ סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן גֵיין צוּ אַ מַאמֶע, זִיצְן מִיט אַ מַאמֶע, שְׁמוּעֶסְן מִיט אַ מַאמֶע, אַז דוּ ווִילְסְט אַוֶועק לוֹיפְן פוּנְדֶערְהֵיים - קֶענְסְטוּ אַוֶועק לוֹיפְן... אָבֶּער גָארְנִישְׁט קוּמְט נִישְׁט פַאר אַ מַאמֶע! - דָאס דַארְף מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער.

### אַ טִיטְשֶׁער וָואס מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַ מַאמֶע

אִיךְ גֶעדֶענְק אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מִיר הָאבְן גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע, הָאבְן מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין 'בֵּית פֵיגָא' לֶערֶערִינְס, - 'בֵּית פֵיגָא' לֶערֶערִינְס מֵיינְט: לֶערֶערִינְס וָואס נֶעמֶען זֵייעֶר וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, [אַ לֶערֶערִין וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַלְס מֵיידְל אִין בֵּית פֵיגָא, מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַז זִי אִיז נִישְׁט אַ **"בֵּית פֵיגָא לֶערֶערִין"**], מַיין טָאכְטֶער אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ קְלֵיין מֵיידְל, הָאט אִיר לֶערֶערִין דֶערְצֵיילְט וָואס זִי פְלֶעגְט טוּן מִיט אִיר מַאמֶע, וִוי זִי הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט אִיר מַאמֶע, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי מְנַהֶלֶת: מִיר קֶענֶען נִישְׁט הָאבְן בַּיי אוּנְז אַזַא לֶערֶערִין, וָואס מַיין טָאכְטֶער זָאל אַהֵיים קוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז אִיר לֶערֶערִין לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן אִיר מַאמֶע, מֶען מוּז מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַז אַ מַאמֶע דַארְף מֶען לִיבּ הָאבְן אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּה אַז מֶען קֶען זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן מִיר זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, אָמֵן.

# • דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין בְּרוּדֶער

## מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּאר מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.

אַשְׁרֵיכֶם מְלַמְּדִים; ווָאוּיל אִיז עֶנְקֶער חֵלֶק אַז עֶנְק זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶנְק לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### אַ פָּאזְל פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים צוּזַאמֶען

וֶוער קֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן זַיינֶע קִינְדֶער יָארְן וֶועלְכֶער צַייט הָאט אִים גֶעמַאכְט זַיין אַ אִיד? - קֵיינֶער נִישְׁט! דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס הָאט מִיט אֵיין צַייט, דָאס גֶעשֶׁעט דוּרְכְאוֹיס אַלֶע יָארְן, פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים צוּזַאמֶען, דֶער נוּרְסֶערִי מְלַמֵּד, דֶער קִינְדֶערְגַארְטְן מְלַמֵּד, דֶער כִּתָּה א מְלַמֵּד, נָאכְדֶעם כִּתָּה ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח און ט מְלַמְּדִים, אוֹיךְ דוּרְךְ דֶעם בָּאס מְלַמֵּד, דֶער קֶעכֶער און מֶענֶעדְזְשֶער, מֶען הָאט נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט און נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט, אֵיינְמָאל אַבִּיסְל שְׁטְרֶענְג, אֵיינְמָאל מִיט לִיבְּשַׁאפְט און אֵיינְמָאל מִיט מַתָּנוֹת, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר ווִילְן זַיין אִידְן, מִיר קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מִיר דַאוֶוענֶען, מִיר הָאבְּן אַ בָּארְד און פֵּיאוֹת.

### דִי עֶרְשְׁטֶע און ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - אַ שְׁוֶוערִיקֵייט וָואס בְּלַייבְּט

דִי עֶרְשְׁטֶע און ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵּד דַארְף ווִיסְן; אִיךְ אַרְבֶּעט טַאקֶע שְׁוֶוער אָבֶּער אִיךְ אַרְבֶּעט פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן! עֶס לוֹינְט זִיךְ מַיין מוּטְשֶׁע און פְּלָאג.

עֶטְס מֵיינְטְס אַז עֶנְק אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער; עֶנְק הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס מֵיינְט 'בִּיטֶער שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן', עֶנְק הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין גַאס, מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער און עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר צְוֵויי, צֶען יָאר, צְוָואנְצִיג יָאר, און מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט, אֵיין זַאךְ הָאט מֶען אַז מֶען הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט אַבִּיסְל פַּרְנָסָה פַאר דִי וַוייבּ און קִינְדֶער, אָבֶּער בָכֶם בָּחַר ה' - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק אוֹיסְדֶערְוֶועלְט, צוּ זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין און מַדְרִיךְ זַיין.

עֶס אִיז אֶמֶת אַז: **"אוֹי ווִי שְׁוֶוער אִיז צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד..."** מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז מֶען קֶען אוֹיךְ זָאגְן: **"אוֹי ווִי שְׁוֶוער אִיז צוּ זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט קִינְדֶער..."** און **"אוֹי ווִי שְׁוֶוער אִיז דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן!"** - דָאס לֶעבְּן אִיז פַאר יֶעדְן אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, נָאר ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט דִי שְׁוֶוערִיקֵייט און מַאכְט עֶפֶּעס זָאל בְּלַייבְּן דֶערְפוּן, עֶר לֵייגְט אַרַיין זַיין פְּלָאג אִין תַּלְמִידִים און אִין קִינְדֶער.

### דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין בְּרוּדֶער און שְׁוָואגֶער

אִיךְ הָאבּ עֶנְק אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן. יָארְן צוּרִיק אִיז אֵיינְמָאל דֶער מְנַהֵל צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר און גֶעזָאגְט: **"אִיךְ מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיךְ טוּ דָא אוֹיף אִין חֵדֶר, אִיךְ טוּ גָארְנִישְׁט אוֹיף, אִיךְ טְרַאכְט פַּארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זַיין אַזוֹי ווִי מַיין בְּרוּדֶער וָואס אַרְבֶּעט, עֶר אִיז מְסוּדָּר, עֶר הָאט אַ פַּרְנָסָה און קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ?!"** הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל און אִים גֶעזָאגְט: נֶעכְטְן טְרֶעף אִיךְ דַיין בְּרוּדֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ און עֶר זָאגְט מִיר מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער פוּן דִיר, עֶר זָאגְט מִיר: **"אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר פַּארְוָואס זָאל אִיךְ אַרְבֶּעטְן אִין בּוֹיעֶן הַייזֶער, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ גֵיין אִין חֵדֶר וֶוערְן מְלַמֵּד און רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מַיין בְּרוּדֶער?!"** - דוּ הֶערְסְט וָואס דָא גֵייט פָּאר?! יֶעדֶער אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אָבֶּער דַיין פְּלָאג גֵייט כָאטְשׁ פַאר גוּטֶע זַאכְן!

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט מִיט אַ חָשׁוּבְ'עֶר מְלַמֵּד דָא אִין דִי מוֹסָד, עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר און גֶעזָאגְט: **"אִיךְ מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אִיךְ זֶע מַיין שְׁוָואגֶער אַרְבֶּעט בַּיי ... - עֶר קוּמְט צוּם דַאוֶוענֶען נָאכְדֶעם גֵייט עֶר אִין אָפִיס, עֶר אִיז מְסוּדָּר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיךְ טוּן דָא אוֹיף אִין חֵדֶר!"**

אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער קוּמְט צוּ מִיר זַיין שְׁוָואגֶער מִיט דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה, דֶער שְׁוָואגֶער פְרֶעגְט מִיר: **"רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זָאל אִיךְ וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אִין אָפִיס? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז אַרְבֶּעטְן בַּיי ... - הֵייסְט אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מוֹסָד וַוייל זַיין גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס אִיז דִי מוֹסָד, אָבֶּער פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זַיין אַזוֹי ווִי מַיין שְׁוָואגֶער וָואס אִיז אַ מְלַמֵּד, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁמֵייכְלְט אַלְץ צוּ דִי מְלַמְּדִים און דִי מְלַמְּדִים זֶענֶען אַלְץ דִי עֶרְשְׁטֶע, וָואס הָאבּ אִיךְ דָא פוּן זִיצְן אִין אָפִיס?!..."**

עֶטְץ הֶערְטְס וָואס דָא גֵייט פָּאר?! זָאל אִיךְ מַאכְן נָאךְ מְשָׁלִים וָואס יֶעדֶער מְלַמֵּד טְרַאכְט וֶועגְן זַיין בְּרוּדֶער און שְׁוָואגֶער?!... אַוַודַאי אִיז עֶס שְׁוֶוער, אָבֶּער דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג!

### בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער

בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ יֶעצְט צְוָואנְצִיג יָאר וָואס אִיךְ בִּין מְלַמֵּד, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפַאנְגֶען זוּמֶער שְׁנַת תשס"ד און יֶעצְט אִיז שְׁנַת תשפ"ג, אִיךְ קוּק אָן מַיינֶע חֲבֵרִים, עֶר דְרֵייט זִיךְ נָאךְ, עֶר זוּכְט נָאךְ עֶפֶּעס וָואס צוּ טוּן, און אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְלַמֵּד!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן יֶעדְנְ'ס בְּרוּדֶער און שְׁוָואגֶער זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה אִין זַיין דְזְשַׁאבּ, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד! אִיךְ אַרְבֶּעט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ! בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ זִיץ מִיט קִינְדֶער! אִיךְ דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר חַזֶרְ'ן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט בִּשְׁעַת אִיךְ וַואשׁ אָפּ דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ אִיךְ גֶעבּ אַ גוּטֶע קְוֶועטְשׁ אָדֶער אַ גוּטֶע צִי אִין אַ קִינְדְ'ס הַאנְט, אָדֶער אִיךְ זָאג אִים נָאכְאַמָאל: **"הַאלְט שֵׁיין דַיינֶע הֶענְט"**.

אַוַודַאי אַרְבֶּעט אִיךְ שְׁוֶוער, עֶטְץ מֵיינְטְס אַז אִיךְ פַאל נִישְׁט פוּן דִי כֹּחוֹת בַּיינַאכְט?! עֶטְץ מֵיינְטְס אַז בַּיינַאכְט וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים קֶען אִיךְ זִיךְ אַרָאפּ זֶעצְן זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוֹיפְ'ן קָאוּטְשׁ?! בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל שֵׂכֶל אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים זָאל אִיךְ הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער דַארְפְן גֵיין שְׁלָאפְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעְלָם וֶוערְן, אַוַודַאי פַאל אִיךְ פוּן דִי כֹּחוֹת, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער!

### מֶען קֶען מַאכְן זִיס דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם בָּאס דְרֵייוֶוער:** וָואס מֵיינְסְטוּ? אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַן אַנְדֶערֶע דְזְשַׁאבּ וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער?! מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹי מוּטְשֶׁען זִיךְ מֶענְטְשְׁן!

אַ פְרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, זִי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶערֶעדְט אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ קִינְדֶער, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: **"אוֹיבּ אִיר ווִילְט קֶען אִיךְ אַייךְ גֶעבְּן אַ הֶיתֵּר, אָבֶּער מוּטְשֶׁען גֵייט אִיר זִיךְ וַוייטֶער, מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי פְרוֹי וָואס הָאט נָאר אֵיין קִינְד - זִי זִיצְט רוּאִיג אוֹיפְ'ן קָאוּטְשׁ, אוֹי מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ, אִיר קֶענְט נָאר מַאכְן אַז דִי מוּטְשֶׁע זָאל זַיין זִיס, אַז אִינְמִיטְן זִיךְ מוּטְשֶׁען וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ שְׁמֵייכְל פוּן אַ קִינְד"**.

ווָאוּ קֶען מֶען אַוֶועק לוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דְרָאגְס?! - עֶס אִיז נִישְׁטָא ווָאוּ צוּ אַוֶועק צוּ לוֹיפְן, מֶען קֶען טוּן גוּטֶע זַאכְן אִינֶעם טָאג, און מַאכְן זִיס דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.

**הֶמְשֵׁךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

# בְּרִיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## ווִי אַזוֹי הַאלְט מֶען עֶרְלִיךְ דִי קִינְדֶער, וֶוען דִי אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעווַאקְסְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין אַ וַוארֶעמֶע עֶרְלִיכֶע חֲסִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוּנְז זֵייעֶר גוּט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען צוּ זַיין שְׁטָאלְץ מִיט אִידִישְׁקֵייט. אָבֶער נָאךְ מַיין חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְזֶען פַאר אַ נִסָּיוֹן, מַיין וַוייבּ אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אָבֶער בַּיי אִיר מִשְׁפָּחָה אִיז מֶען נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף זַאכְן, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט מִיט סְמַארְטְפָאוֹנְס, סָאשֶׁעל מִידִיָא, אוּן דָאס גְלַייכְן. אִיךְ פְּרוּבִּיר אָנְצוּהַאלְטְן מַיין חֲסִידִישְׁקֵייט אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, אָבֶער עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין בַּיי מַיין שְׁוֶוער אִינְדֶערְהֵיים אוּן זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן, נִישְׁט קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן פוּן וָואס זֵיי רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן, דָאס אִיז מִיר אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן. יֶעדֶער זִיצְט מִיט דִי כֵּלִים אוּן מֶען שִׁיקְט זַאכְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר מִיךְ וִוי אַ יָוָן אִין דִי סוּכָּה, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

סְפֶּעצִיעֶל אִיז מִיר שְׁוֶוער אוֹיבּ מֶען וַוייזְט דָארְט אַ וִוידִיאָ פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן דִי קִינְדֶער ווילְן אוֹיךְ מִיטְהַאלְטְן, וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ בַּיי שְׁטַארְקֶע גְּדָרִים, אָן צוּ גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין דִי מִשְׁפָּחָה?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט זֵייעֶר אַ הַייקֶעלֶע אוּן וִויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, וַוייל פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט מִשְׁפָּחָה אוּן נִישְׁט גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין עֶלְטֶערְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ מֶען זָאל בְּלַייבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַזַא מַעֲשֶׂה וָואס דוּ הָאסְט, מִיט אַ חָכָם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן פַארְפַאלְן גֵיין. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', מְחִיגֵר) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ חָכָם, אוּן דֶער קֵיסָר פוּן דִי לַאנְד אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער חָכָם, עֶר הָאט גֶערוּפְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעט דָאךְ אַז דֶער קֵיסָר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס אוּן הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים, אוּן אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַפִּיקוֹרְסִים, בְּכֵן לָאמִיר אַוֶועקְגֵיין אִין מִדְבָּר כְּדֵי מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט אוּנְזֶער אֱמוּנָה אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא", זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מִדְבָּר אוּן דֶער חָכָם הָאט גֶעמַאכְט אַ רִינְג אַרוּם זֵיי אַז קֵיינֶער זָאל זֵיי גָארְנִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) דִי רִינְג אִיז דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, ט): "וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֱמוּנָה – קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, וַוייל דִי קְלִיפּוֹת אוּן מַזִּיקִים הָאבְּן נָאר אַ שְׁלִיטָה וֶוען דִי אֱמוּנָה אִיז אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי אַ טִיר אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ, אָבֶער וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה – קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

אוֹיךְ אִיז אַ רִינְג אַ סִימָן פוּן אַחְדוּת, אַז מֶען מַאכְט אַ שְׁטַארְקֶע רִינְג, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מֶען אִיז מְוַותֵּר אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט – דֶעמָאלְט הָאט דִי שְׁלֶעכְטְס נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה, דֶעמָאלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נִצָּבִים, א): "בְּנֹהַג שֶׁבָּעוֹלָם, אִם נוֹטֵל אָדָם אֲגֻדָּה שֶׁל קָנִים, שֶׁמָּא יָכֹל לְשָׁבְרָם בְּבַת אַחַת" אַז מֶען מַאכְט אַ בִּינְטְל פוּן אַסַאךְ שְׁטֶעקֶענֶעס, קֶען מֶען דָאס נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, "וְאִלּוּ נוֹטֵל אַחַת אַחַת, אֲפִלּוּ תִּינוֹק מְשַׁבְּרָן", אָבֶער אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אֵיין שְׁטֶעקְן בַּאזוּנְדֶער, קֶען דָאס אֲפִילוּ אַ קִינְד צֶעבְּרֶעכְן.

דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן הִיטְן דִי שְׁטוּבּ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, מֶען דַארְף שְׁטַארְק אַרְבֶּעטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּבּ, דָאס אִיז דֶער פוּנְדַאמֶענְט פוּן דִי שְׁטוּבּ. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם וִוי אַ הַיינְטִיגֶע זַאךְ, וִוי אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט בְּעֶצֶם אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִיד, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת; קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע רִינְג, טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ לִיבּ – וַואקְסְן אוֹיף עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ – אִיז דָאס דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר זֵיי.

קִינְדֶער וֵוייסְן אוּן שְׁפִּירְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן טַאטֶע מַאמֶע, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מַאכְן, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט אָפְּנַארְן, זֵיי וֵוייסְן דָאס נָאךְ בֶּעסֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס, אוּן דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ פַאר זֵייעֶר עָתִיד.

דֶערְפַאר, אַז דוּ ווִילְסְט הִיטְן דַיינֶע קִינְדֶער – זָאלְסְטוּ זֶען צוּ טוּן וָואס דֶער חָכָם הָאט גֶעטוּן, מַאךְ אַ רִינְג אַרוּם דַיין מִשְׁפָּחָה; זֶע עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט, פַארְבְּרֶענְג אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דָאס אִיז מֶער פוּן אַלֶעס. קִינְדֶער וָואס פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן נִישְׁט קַיין וִוידִיאוֹ"ס, אוֹיךְ רֶעד אִין שְׁטוּבּ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוֹת, שְׁמוּעֶס בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת וישב תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / -444-9169'212
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876